ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת
## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
שניאורסאהן
מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ ויצא, ט׳ כסלו ה׳תשנ״ב**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושמונים לבריאה
ה׳ תהא שנת פדות
שנת השבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

בס"ד.

# פתח דבר

הננו מוציאים לאור קונטרס חלק משיחות כ"ק אדמו"ר שליט"א דש"פ ויצא, ט' כסלו שנה זו.

**מערכת „אוצר החסידים"**

י"ד כסלו ה'תשנ"ב (**ה**י' **ת**הא **ש**נת **נ**פלאות **ב**כל),
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

נסדר לדפוס ע"י הת' שלום דובער בן חנה והת' מנחם מענדל הלוי בן נחמה דינה פייגא



(במילא וועלן אַלע זיכער גייען ברצונם הטוב...) — וועלכע זיינען אינגאַנצן דורכגענומען געוואָרן מיט אור החסי־דות וקדושת הנשמה (כנ"ל), „ושכנתי בתוכם"[172] — אין ארצנו הקדושה, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, בבית המקדש השלישי [וי"ל אַז די בתי מקדש מעט און די בתים פרטיים שמעין מקדש מעט — ווערן נתחבר ונתדבק[173] צום „מקדש אד' כוננו ידיך"[174], אין קדש הקדשים, וואו עס געפינט זיך דער אבן השתי', שממנה[175] הושתת העולם,

ועוד והוא העיקר — תיכף ומיד ממש.

172) תרומה כה, ח.

173) ראה לקמן [סה"ש תשנ"ב] ח"ב ע' 467 ואילך. וש"נ.

174) בשלח טו, יז.

175) יומא נד, ב.

**לזכות**

**כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**

**מהרה יגלה אכי"ר**

יה"ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק'
ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי"ד ממ"ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

אַרויסברענגען און מגלה זיין די רוחניות און חסיד'ישקייט שלו אין זיין גשמיות, אַז אין זיינע גשמיות'דיקע ענינים, און אין זיין זמן ומקום גשמי, זאָל זיך אָנהערן די וואַרעמקייט און לעבעדיקייט פון זיין אידישקייט און חסיד'ישקייט, ביז באופן אַז ס'איז ניטאָ קיין פירוד ביניהם כלל, נאָר זיי זיינען איין זאַך ממש.

נוסף לזה — זאָל מען זען איינאָרדע־נען בכל מקום ומקום חסיד'ישע פאַרברענגען'ס, אָנהויבנדיק אין דעם חג הגאולה פון יו"ד כסלו, און דאָרטן רעדן און לערנען בתורתו של בעל הגאולה, און אָננעמען החלטות טובות בענינים הנ"ל,

כולל אויך — החלטות צו מאַכן די הכנות מתאימות אויף איינאָרדענען חסיד'ישע פאַרברענגען'ס, והתוועדויות גדולות, בי"ט כסלו, חג הגאולה פון דעם אַלטן רבי'ן, און דאָס זען טאָן בכל מקום ומקום בכל קצוי תבל, ביז אפילו אין אַ פינה נידחת — אַזוי אַז יעדער ווינקעלע אין וועלט (גשמיות העולם) וואו עס געפינען זיך אידן זאָל זיין דורכגענומען מיט די חסיד'ישע ליכטי־קייט און וואַרעמקייט פון י"ט כסלו, „ראש השנה לחסידות".

און אַזוי זאָל מען אויך ממשיך זיין די חסיד'ישע פאַרברענגען'ס במשך דעם חודש כסלו, ובפרט אין די ימים מיוחדים פאַרבונדן מיט תורת החסידות ודרכי החסידות,

ביז אויך — בסיום חודש כסלו — מאַכן התוועדויות במשך די ימי חנוכה, און אין דעם גייסט פון באַלייכטן זיך און דעם אַרום מיט די נרות חנוכה „על פתח ביתו מבחוץ", ובאופן דמוסיף והולך ואור מיום ליום[128],

כולל — כמנהג רבותינו נשיאינו[167] — צו מאַכן מסיבות פון די בני בית בימי חנוכה, און אויסטיילן „חנוכה־געלט" צו די בני בית[168], ובפרט צו די קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך. וואָס בשעת יעדערער איז מקיים דעם מנהג — מיט פרסום המתאים — און נאָך בהוספה ובהרחבה דורך מוסיף זיין אין געבן „חנוכה־געלט" בריבוי (וואָס דורך דעם קומט צו אין דער שמחה באַ די קינדער) — פאַרבינדט מען זיך נאָכמער (דורך קיום מנהג זה) מיט רבותינו נשיאינו, וואָס דאָס גיט נאָכמער כח צו אַריינ־ברענגען זייער תורה און זייערע הוראות און זייערע מנהגים אין דעם אייגענעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

כולל ובמיוחד — אויך דעם מנהג ישראל וואָס איז הולך ומתפשט בזמננו זה — צו לערנען עניני גאולה ועניני משיח, בכדי זיך און אַנדערע נאָכמער צוגרייטן צו דעם גילוי פון דער גאולה האמיתית והשלימה, כנ"ל.

כ. ויהי רצון, אַז פון דעם דיבור וקבלת החלטות טובות בענינים אלו איצטער — זאָל דאָס שוין גלייך אַרויס־ברענגען בגלוי די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, לעיני בשר פון יעדער איד און אַלע אידן,

ותיכף ומיד ממש גייען אַלע אידן — „ארו עם ענני שמיא"[169] — צוזאַמען מיט אַלע מעשינו ועבודתינו, צוזאַמען מיט אַלע רכושים גשמיים („כספם וזהבם אתם"[170]), צוזאַמען מיט די בתי „מקדש מעט"[171], און אויך די בתים פרטיים

167) „היום יום" כח כסלו.

168) ראה סה"ש תשמ"ח ח"א ע' 163. וש"נ.

169) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

170) ישעי' ס, ט.

171) ראה מגילה כט, א.



# בס"ד. משיחות ש"פ ויצא, ט' כסלו ה'תשנ"ב

א. בנוגע צו דעם מיטעלן רבי'ן — דער בעל יום ההולדת[1] און בעל ההי־לולא[2] פון דעם היינטיקן טאָג, ט' כסלו — געפינט מען אַ חידוש, אַז זיין יום ההולדת און זיין יום ההילולא זיינען אין דעם איין און דעם זעלבן טאָג (ט' כסלו). נאָך אַ חידוש ביי אים — אַז גלייך למחרתו פון זיין יום ההולדת (ויום ההילולא) — ביום יו"ד כסלו — איז זיין חג הגאולה[3], ווען ער איז אויסגעלייזט געוואָרן פון בית האסורים.

וע"פ הידוע[4], אַז די מועדי השנה האָבן אַ שייכות צו די פרשיות התורה ווען די מועדים קומען אויס, איז פאַר־שטאַנדיק, אַז אין דער פרשה פון דעם שבת — פ' ויצא, און פ' וישלח (וועלכע מ'הויבט אָן לייענען בתפלת המנחה, און דער חג הגאולה איז בשנה זו ביום ראשון פון פ' וישלח[5]), קען מען געפינען לימודים פאַרבונדן מיט דעם בעל יום ההולדת ויום ההילולא ובעל הגאולה.

כולל ובעיקר — אַרויסנעמען דערפון אַ לימוד בנוגע צו דעם ענין שהזמן גרמא בדורנו זה ובזמננו זה — די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ווי גערעדט מערערע מאָל לאחרונה, אַז איצט האָט מען שוין פאַרענדיקט אַלע ענינים און מ'דאַרף נאָר מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש.

ב. דער חידוש אין דעם וואָס אַ יום ההולדת און אַ יום ההילולא פון אַ צדיק קומט אויס אין דעם זעלבן טאָג — איז געבראַכט אין חז"ל: אויף דברי משה רבינו[6] „בן מאה ועשרים שנה אנכי היום", זאָגט די גמרא[7] „מה ת"ל היום, היום מלאו ימי ושנותי, ללמדך שהקב"ה יושב וממלא[8] שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחודש לחודש שנאמר[9] את מספר ימיך אמלא".

בפשטות איז דער פירוש אין דעם, אַז ביי אַ צדיק איז דאָ די שלימות אַז דער אויבערשטער איז „ממלא" ימי חייו — „את מספר ימיך אמלא" — ער זאָל לעבן פולע „קיילעכדיקע" יאָרן, פון יום הו־לדתו ביז יום הסתלקותו, ביז אפילו אַ יום אחד[10].

מ'דאַרף אָבער האָבן הסברה — אין וואָס באַשטייט די מעלה ושלימות בזה? שלימות עבודת הצדיק איז דאָך אַ שלימות ברוחניות — וואָס איז לכאורה

1) בשנת תקל"ד.

2) בשנת תקפ"ח. — ע"ד הסתלקותו, ראה הקדמה לתו"ח בראשית. „בית רבי" ח"ב פ"ו.

3) בשנת תקפ"ז. — ע"ד גאולתו, ראה בארוכה „התמים" חוברת ב ע' עז [פו, א]. שם ע' פא [פח, א] ואילך. מבוא לקונטרס „בד קודש". „בית רבי" ח"ב פרקים ד־ה (נעתקו גם בקיצור לשון בהוספה לקונטרס הנ"ל ע' 20 ואילך).

4) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב (רצז, א).

5) כבשנת הגאולה עצמה. ולהעיר שלפי המסורת בבית הרב (הובאה בהוספה לקונטרס הנ"ל ע' 22 בהערה), באה בשורת הגאולה בש"פ ויצא, ט' כסלו.

6) וילך לא, ב.

7) ר"ה יא, א. סוטה יג, ב. קידושין לח, א.

8) בסוטה שם: הקב"ה משלים.

9) משפטים כג, כו.

10) ראה יפה תואר לב"ר רפנ"ח.

ניט פאַרבונדן און ניט תלוי אין שלימות ימיו הגשמיים, כידוע[11] אַז „חיי הצדיק אינם חיים בשרים כ"א חיים רוחניים שהם אמונה ויראה ואהבה כו'", ובמילא מובן אַז ביי אַ צדיק קען לכאורה זיין שלימות העבודה (ברוחניות), אפילו ווען שנותיו (הגשמיים) זיינען ניט ממולא „מיום ליום" – ווי מ'זעט עס באַ רוב הצדיקים, אַז הסתלקותם איז ניט געווען ביום הולדתם.

ג. ויש לומר: שלימות עבודת הצדיק איז בשעת די שלימות הרוחנית דריקט זיך אויס אויך אין שלימות גשמיות – שלימות בזמן עבודתו, אין זיינע שנים וימים גשמיים. ובלשון חז"ל[12]: „יודע ה' ימי תמימים[13] . . כשם שהן תמימים כך שנותם תמימים".

און דער טעם אויף דעם איז, ווייל תכלית ושלימות העבודה פון תומ"צ פון אַ אידן (וואָס דאָס איז דאָך עבודת הצדיק – תכלית ושלימות העבודה[14]) באַשטייט אין דעם, אַז ער זאָל מברר ומזכך זיין זיין גוף הגשמי, אַזוי אַז עס זיינען ניטאָ קיין אָפּגעטיילטע חלקים אין זיין לעבן וואו זיין עבודת השם דערלאַנגט ניט ח"ו (עס איז ניטאָ קיין „הפסק" און „פירוד", קיין אָפּטיילונג צווישן זיין נשמה און גוף, צווישן זיין רוחניות און גשמיות), נאָר אַלע פרטים פון זיין לעבן ווערן דורכגענומען מיט דעם גייסט פון זיין נשמה ורוחניות. ביז אַז די גשמיות ווערט טפל ובטל צו דער נשמה און רוחניות (עושים נפשם עיקר וגופם טפל[15]), אַזוי אַז די גאַנצע גשמיות איז ווי אַ „כלי" און „לבוש" – ביז ווי אַ מרכבה[16] – וואָס שפּיגלט אָפּ און דריקט אויס שלימות עבודתו הרוחניות.

ד.ה. אַז אע"פ וואָס „חיי הצדיק אינם חיים בשרים כ"א חיים רוחניים", איז שלימות עבודתו בשעת די חיים רוחניים נעמען דורך און לייכטן אויך אין זיינע חיים בשריים, ביז אַז די חיים בשריים זיינען ווי אַ כלי, און נאָכמער – אַ המשך והתפשטות פון די חיים רוחניים, זיי ווערן נתאחד מיט די חיים רוחניים, אַזוי אַז זיי ווערן איין זאַך ממש – איין מענטש (צדיק), וואָס זיין שלימות רוחנית בחיים רוחניים דריקט זיך אויס און שפּיגלט זיך אינגאַנצן אָפּ אין שלימות גשמית בחיים בשרים, אַזוי אַז אין די חיים בשרים איז ניטאָ קיין איבעריקע זאַך און עס פעלט גאָרניט (לא פחות ולא יותר) לגבי די שלימות בחיים רוחניים: זיינע חיים בשריים (כולל זיינע ימים ושנים גשמיים) זיינען אַ המשך און אַן אָפּשפּיגלונג פון זיינע חיים רוחניים.

ואדרבה: דוקא דורך דעם וואָס די שלימות קומט אַרויס אויך אין גשמיות, ווערט אויפגעטאָן אַן עילוי אפילו לגבי די שלימות רוחנית מצ"ע (כדלקמן).

און דעריבער איז „הקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ל־יום" – ווייל די שלימות העבודה פון אַ צדיק נעמט דורך און שפּיגלט זיך אָפּ (אויך) אין שלימות אין זייער גשמיות (בהתאם צו זייער שלימות ברוחניות), וואָס גדר העולם הזה הגשמי באַשטייט פון זמן (ומקום)[17], וואָס טיילט זיך אין

(11) תניא אגה"ק ביאור לסי' ז"ך (קמו, ב).

(12) ב"ר רפנ"ח וביפה תואר שם.

(13) תהלים לז, יח.

(14) ראה ספר הערכים־חב"ד מערכת אותיות – אות צדי"ק ס"ח. וש"נ.

(15) ראה תניא פל"ב.

(16) ראה תניא פכ"ג. ועוד.

(17) שעהיוה"א פ"ז (פב, א).





**עס נתגלה אין דער פשיטות פון יעדער איד,**

און די איינציקע זאַך וואָס פעלט איז – אַז אַ איד זאָל אויפעפענען זיינע אויגן כדבעי, וועט ער זען ווי אַלץ איז שוין גרייט צו דער גאולה! **מ'האָט שוין דעם „שולחן ערוך", מ'האָט שוין דעם לויתן ושור הבר ויין המשומר[159], און אידן זיצן שוין באַם טיש – „שולחן אביהם"[160] (מלך מלכי המלכים הקב"ה), צוזאַמען מיט משיח צדקנו (ווי עס שטייט אין ספרים[161] אַז בכל דור איז דאָ „א' מזרע יהודה שהוא ראוי להיות משיח"), ובדורנו נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר, און נאָך ארבעים שנה פון הסתלקות כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט מען שוין אויך „לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[162]:**

**איצטער דאַרף נאָר זיין, כאמור, אַז מ'זאָל אויפעפענען דעם „לב לדעת" און אויפעפענען די „עינים לראות" און אויפעפענען די „אזנים לשמוע", און עד"ז – אויסנוצן אַלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים הגשמיים – נוסף אויף לימוד התורה וקיום המצוות בכלל (רמ"ח מ"ע כנגד רמ"ח אברים[163] ושס"ה מל"ת כנגד שס"ה גידים[164]) – אויף לימוד פנימיות התורה כפי שנתגלתה בתורת החסידות וקיום הוראות רבותינו נשיאינו, כולל – לערנען וועגן עניני גאולה, אין אַן אופן אַז דאָס זאָל אויפ־עפענען דעם לב ועינים ואזנים – מ'זאָל פאַרשטיין, זען און הערן בפשטות ממש אין גשמיות העולם – די גאולה ה־אמיתית והשלימה בפועל ממש, און לערנען תורתו של משיח (פנימיות התורה) באופן של ראי', וואָס דאָס אַלץ איז שוין דאָ מן המוכן, מ'דאַרף נאָר אויפעפענען די אויגן וועט מען עס זען!**

**יט. ובאותיות פשוטות בנוגע למעשה בפועל:**

**וויבאַלד אַז דער חיבור הנשמה וגוף ורוחניות וגשמיות איז שוין דאָ בשלימות (כנ"ל), און ס'איז שוין אַלץ מוכן צו דער גאולה – דאַרף מען טאָן זאַכן וואָס זאָלן דאָס מגלה זיין בפועל ממש.**

**ולכל לראש בענין שהזמן גרמא – ביום ההולדת (ווען מזלו גובר[165]) ויום ההילולא פון דעם מיטעלן רבי'ן – צו מוסיף זיין אין לימוד תורתו, דוקא באופן פון „רחובות הנהר" דבינה (וואָס פאַרבינדט רוחניות וגשמיות כנ"ל ב־ארוכה).**

**און דער לימוד בזה איז שייך צו אַלע אידן, אנשים ונשים (כמדובר כמ"פ אַז לימוד החסידות והפצת המעינות חוצה איז שייך בפשטות אויך צו נשי ובנות ישראל, ובפרט אַז דורך דעם איז אתי מר דא מלכא משיחא).**

**ו„תלמוד גדול שמביא לידי מעשה"[166] – דאָס אַרויסברענגען אין מעשה ועבו־דה בפועל, און זיך אָפּלערנען פון דעם מיטעלן רבי'ן וואָס ביי אים איז אַרויס שלימות עבודתו בתורת החסידות אין גשמיות הגוף והעולם (בזמן ומקום), „ממלא שנותיהם מיום ליום" – אַז באַ יעדערן זאָל זיין אַ השתדלות מיוחדת צו**

(159) ראה ברכות לד, ב. ב"ב עה, א. ויק"ר פי"ג, ג. ועוד.

(160) ברכות ג, סע"א.

(161) פי' הברטנורא למגילת רות. וראה גם שו"ת חת"ס חו"מ (ח"ו) בסופו (סצ"ח). וראה שד"ח פאת השדה מע' האל"ף כלל ע'. ועוד.

(162) תבוא כט, ג.

(163) מכות כג, סע"ב.

(164) זח"א קע, ב.

(165) ראה ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ח ובקה"ע.

(166) מגילה כו, א.

נאָכמער הדגשה בקביעות שנה זו, ווען ט' כסלו קומט אויס ביום השבת:

ביום השבת ווערט די קדושה רוחנית פון עונג שבת (שלמעלה מעולם) נמשך אין דער גשמיות פון אַ אידן — אין זיין אכילה ושתי' ושינה, דורך דעם וואָס מצוה לענגו בענג אכילה ושתי'[150], ושינה בשבת תענוג[151]. ביז אַז די נשמה יתירה וואָס ווערט נמשך בשבת[152] פועל'ט אַ שינוי אויך אין דער טבע פון נפש הבהמית[153], ביז אין דער טבע אין דעם גוף[154] הגשמי[155], און אויך אין גשמיות העולם[156].

יח. כל האמור לעיל איז שייך ונוגע צו אַלע דורות פון אידן. על אחת כמה וכמה בדורנו זה ובזמננו זה — וואָס לויט די סימנים אין חז"ל (אין מס' סנהדרין, אין מדרשים ובכ"מ) האַלט מען שוין באַ דער גאולה ממש,

וכמדובר כמ"פ לאחרונה, אַז נאָך דעם ריבוי מופלג פון מעשינו ועבודתינו במשך כל הדורות, ובפרט נאָך דער עבודה פון רבותינו נשיאינו, אָנהויבנדיק פון די אבות החסידות און ימי גאולתם (בי"ט כסלו ויו"ד כסלו) וימי הולדתם וההילולא שלהם (בט' כסלו, בכ"ד טבת וכו'), און מאז איז שוין דורך כמה דורות ושנים, ביז די עבודה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — האָט מען שוין פאַרענדיקט אַלע בירורים,

כולל אויך — דעם בירור פון „עשו הוא אדום"[157], ובמכ"ש וק"ו וואָס אפילו בזמן יעקב האָט יעקב שוין געהאַלטן און געטראַכט אַז עשו כבר נתברר (און מצד דרגת יעקב איז אַזוי טאַקע געווען), כנ"ל, עאכו"כ לאחרי ריבוי העבודה זינט דעמולט, איז עשו שוין אינגאַנצן נתברר געוואָרן, ווי מ'זעט עס אויך אין דער הנהגה בזמן הזה (בגלות אדום) פון די אוה"ע וואָס שטאַמען פון „עשו הוא אדום", בדרך מלכות של חסד (און אַזוי ווערט נתפשט די הנהגה אין נאָך מדינות, ווי מ'האָט געזען און מ'זעט בפרט לאחרונה)—

איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז איצטער האַלט מען שוין באַ דעם מצב אַז דער גוף הגשמי און אפילו גשמיות העולם איז שוין אינגאַנצן נתברר ונזדכך געוואָרן, און איז אַ „כלי" מוכן אויף אַלע אורות וענינים רוחניים, כולל ובעיקר — אורו[158] של משיח צדקנו, אור הגאולה האמיתית והשלימה, ביז אויך — אויף גילוי פשיטות העצמות פון עצמות ומהות ית', ווי עס ווערט נתגלה אין פשיטות העצמות פון משיח צדקנו (שלמעלה מבחי' יחידה ומכל השמות ודרגות והשפעות כו'), און דורך דעם — ווערט

150) שו"ע אדה"ז או"ח ריש הל' שבת.

151) סידור קול יעקב במקומו. ועוד. וראה לקו"ש חי"ב ע' 254 הערה 50.

152) תענית כז, ב. ועוד.

153) ולכן ע"ה אינו משקר בשבת (ירושלמי דמאי רפ"ד. וראה לקו"ש ח"ד ע' 1038 הערה 24).

154) וכמחז"ל שאינו דומה אור פניו של אדם בשבת כו' (ב"ר פי"א, ב. מכילתא יתרו כ, ט. וראה נ"כ שו"ע אה"ע סס"ב ס"ח).

155) „כמו שהעיד ע"ז אחד מן גדולי חכמי הרופאים, שבליל שבת ויומו יש שינוי גודל בדפק שביד הישראל, מחמת הארת אור העונג העצמי' דיחידה כו'" (תורת חיים — לבעל היום ההולדת וההילולא והגאולה — ויקהל תרלב, א).

156) כמובן מהא ש„סמבטיון יוכיח" (סנהדרין סה, ב. ב"ר פי"א, ה), ועוד — ראה קה"י ע' שבת בתחלתו.

157) וישלח לו, א.

158) זח"ג לד, ב. הובא ונת' בלקוטי לוי"צ לזח"ג ע' ריט ואילך.





ימים[18], ימי השנה — כמאחז"ל[19] „משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים וכשבחר ביעקב ובניו קבע בו ר"ח של גאולה", ד.ה. אַז קביעות ה„שנים" איז פאַרבונדן מיט „עולמו"[20] (גשמיות העולם), בניגוד צו קביעת „ר"ח של גאולה" וועלכע איז פאַרבונדן מיט „בחר ביעקב ובניו" (די כוונה רוחניות בבריאת העולם), און אַ שנה (מלשון שינוי[21] ומלשון משנה[22]) נעמט אַרום און איז אין זיך כולל אַלע שינויי הזמן — דעריבער דריקט זיך אויס די שלימות העבודה (רוחנית) פון אַ צדיק („כשם שהן תמימים") אין דעם אַז אויך שנותיו זיינען תמימים („כך שנותם תמימים"), אַז „הקב"ה יושב וממלא שנותיהם . . מיום ליום", און יעדען טאָג האָט ער אויסגענוצט בשלימותו (דורך מברר זיין דעם „לבוש" וואָס איז כנגד דעם יום, כידוע[23] אַז „אי חסרא יומא חדא חסר לבושא חדא", און די ימי האדם זיינען קצובים לו לויט דעם שיעור הלבושים וואָס ער דאַרף משלים ומתקן זיין)[24], אַזוי אַז די שלימות ותמימות פון אַ צדיק איז אין זיין רוחניות און אין זיין גשמיות (ימים ושנים גשמיים) בשוה, זיין תמימות בשני חייו הגשמיים איז איין המשך צו די תמימות בעבודתו הרוחנית — „כשם שהם תמימים כך שנותם תמימים".

[ויש לומר, אַז וויבאַלד דער לשון הגמרא איז „הקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום", און זאָגט דערביי ניט קיינע תנאים והגבלות אין צדיקים — דאַרף מען זאָגן, אַז די שלימות איז דאָ באַ יעדער צדיק ברוחניות הענינים[25] (אפילו ביי אַזאַ וואָס נסתלק אין אַן אַנדער טאָג פון יום הולדתו)[26];

18) ועיקר התחלקות הזמן הוא לימים, כמרז"ל (נזיר ז, א) „יומי מפסקי מהדדי". וראה אוה"ת בלק ס"ע תתקמח ואילך.

19) שמו"ר פט"ו, יא.

20) ויש לומר ש„בחר הקב"ה בעולמו" קאי על בחירת ה' (נתאוה הקב"ה) לעשות לו ית' דירה בתחתונים (ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל"ו. ובכ"מ), „בעולמו".

21) רמ"ז לזח"ג רעז, ב. שרש ישע ערך שנה. עבוה"ק ח"ד פי"ט. וראה אוה"ת מקץ שלח, סע"א. (כרך ה') תתקעו, א.

22) ראב"ע בא יב, ב. ס' השרשים לר' יונה בן ג'נאח ולהרד"ק ערך שנה. רמ"ז שם. וראה אוה"ת מקץ שם.

23) ראה בכ"ז אוה"ת משפטים ע' א'קכב. שבועות ע' צא. בלק שם. פינחס ע' א'קצט. ד"ה ואברהם זקן תשל"ח (סה"מ מלוקט ח"א ע' רפט ואילך). וראה לקו"ש ח"ד ע' 1194.

24) ויש לומר, שכיון שבשנה (מלשון שינוי) נכללים כל השינויים, לכן, השלימות של הלבושים (ימים) היא בסיום השנה (מזמן הולדת האדם). ועפ"ז, „ממלא שנותיהם מיום ליום" (שגמר עבודת הצדיק ביום הסתלקותו הוא ביום הולדתו) מורה על שלימות עבודתו בבירור הימים (הלבושים) שניתנו לצדיק זה.

25) כמובן שגם בענין השלימות גופא — כמה דרגות. [וכפי שהוא גם בצדיק שנתמלאו שנותיו בגשמיות, שאפ"ל השלימות בזה שהסתלקותו היא באותו יום בחודש דלידתו*, או גם שהיא באותו יום בשבוע דיום הולדתו (שזוהי שלימות נעלית יותר. וראה חדא"ג מהרש"א קידושין לח, א)]. וע"ד ההפרש בין „שבע שבתות תמימות" (אמור כג, טו) סתם לגבי התמימות כשהתחלת ספירת העומר היא „ממחרת השבת" גם כפשוטו [כבקביעות שנה זו], ש„אז השבתות הן תמימות כששת ימי בראשית" (קה"ר פ"א, ג ומת"כ שם. ועוד).

26) ויש לומר בב' אופנים: (א) אף שבסיבוב שנותיו הגשמיים חסרים ימים משנה שלימה, הרי במספר ימים מועטים נגמרה עבודת הצדיק של שנה שלימה, באופן שהמועט (בזמן) מחזיק את המרובה (ברוחניות). ע"ד שמצינו בנוגע לר' בון (ירושלמי

*) ולהעיר שבר"ה יא, א נקט בנוגע להאבות רק **חודש** לידתם והסתלקותם (ניסן או תשרי).

אָבער ס׳איז מובן, ע״פ הנ״ל (אַז די שלימות איז בשעת דאָס דריקט זיך אויס בגשמיות הימים), אַז עס קומט צו אַ שלימות — ואדרבה, די שלימות בזה ב־גלוי איז דוקא — ווען דאָס קומט אַרויס אויך אין „ממלא שנותיהם מיום ליום״ בגשמיות הימים, באַ די צדיקים וועלכע יום הסתלקותם איז אין דעם זעלבן טאָג בגשמיות ווי יום הולדתם].

און די שלימות איז געווען בגלוי באַ די אבות (ש„מ״ד בניסן נולדו בניסן מתו כו׳״[27]), און באַ משה רבינו („היום מלאו ימי ושנותי״), וואָס „בשבעה באדר מת ובשבעה באדר נולד״[28] (נוסף לזה וואָס שנותיו זיינען געווען מלאים — מאה ועשרים שנה[29]) — ווייל זייענדיק די רועי ישראל הראשונים, ובפרט משה — דער „רעיא מהימנא״ פון אידן[30], האָט זיך באַ זיי אויסגעדריקט די שלימות פון עבודת הצדיק, ווי דאָס שפיגלט זיך אָפּ אין „מלאו ימי ושנותי״.

ועד״ז האָט זיך דאָס אויסגעדריקט בגלוי באַ דעם מיטעלן רבי׳ן, דער משה רבינו שבדורו[31], וכדלקמן.

ד. דער ביאור אין דעם וועט מען פאַרשטיין בהקדים השייכות מיט פרשיות השבוע — ויצא און וישלח (ש־מתחילים במנחה), וואו מ׳געפינט אַ דבר פלא:

דער עיקר סיפור פון עבודת יעקב אבינו בתורה איז — ניט אין פ׳ תולדות, וואו עס רעדט זיך ווי יעקב איז געווען בבית אביו אין ארץ ישראל (בבאר שבע), נאָר אין פ׳ ויצא, וואו עס רעדט זיך אַז „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה״[32], וועגן יציאת יעקב פון באר שבע קיין חרן, „חרון[33] אף של מקום (בעולם[34])״, צו לבן הארמי, מיט די אַלע ענינים בלתי רצויים פאַרבונדן דערמיט — אַ ירידה הכי גדולה — וואָס דערפאַר האָט יעקב מורא געהאַט (און האָט געדאַרפט אָנקומען צו הבטחת הקב״ה „ושמרתיך גו׳״[35])!

נאָכמער: דוקא אין חרן האָט יעקב חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט ביתו (רובם ככולם פון די שבטים[36]) — דער יסוד פון עם ישראל!

אפילו לאחרי וואָס יעקב האָט פאַר־ענדיקט זיין אַרבעט באַ לבן׳ען אין חרן, און האַלט זיך באַ אומקערן צו בית אביו — ווי ער האָט געבעטן „ושבתי בשלום אל בית אבי״[37], און איז דערנאָך אָנגע־זאָגט געוואָרן פון דעם אויבערשטן „שוב אל ארץ אבותיך ולמולדתך״[38] — איז אַנשטאָט דעם אַז יעקב זאָל מקיים

ברכות פ״ב ה״ח. שהש״ר פ״ו, ג), ורבי אלעזר בן עזרי׳ (משנה ברכות יב, סע״ב, ובגמ׳ שם כח, רע״א). (ב) נוסף לעבודת הצדיק במילוי שנותיו מיום ליום, ניתוספו לו ימים יתרים על שנה שלימה.

27) ר״ה שם.

28) קידושין שם.

29) כמ״ש (בראשית ו, ג) „והיו ימיו מאה ועשרים שנה״.

30) ומשה הוא „כללות כולם״ של כל ה„שבעה רועים הממשיכים חיות ואלקות לכללות נשמות ישראל״ (תניא פמ״ב).

31) להעיר מהשייכות דמשה לאדמו״ר האמצעי — כמודגש גם בהאושפיזין דחג הסוכות, ששניהם באים ביחד ביום ד׳ דחג.

32) ריש פרשתנו (כח, יו״ד).

33) פרש״י ס״פ נח. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 63 ואילך.

34) כ״ה בכמה דפוסי רש״י. וראה לקו״ש שם הערה 7.

35) פרשתנו שם, טו.

36) מלבד בנימין שנולד בארץ ישראל.

37) פרשתנו שם, כא.

38) שם לא, ג.





טז. ע״פ הנ״ל איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דוקא באַ דעם מיטעלן רבי׳ן געפינט מען דעם חידוש ושלימות, אַז ימי חייו הגשמיים זיינען געווען „מיום ליום״ (שנסתלק ביום שנולד — ט׳ כסלו)[146], וואָרום ביי אים איז בהדגשה דער חיבור פון רוחניות וגשמיות (וועל־כע קומט בכח העצמות, מרחב העצמי), אַז די שלימות בעבודה רוחנית דריקט זיך אויס און „פאַרטרינקט״ („והשקה את כל פני האדמה״) אויך זיינע ימים ושנים גשמיים, אַז אויך זיי זיינען תמימים ושלמים („ממלא שנותיהם . . מיום ל־יום״).

עפ״ז יש לומר אויך דעם טעם פאַר־וואָס דער טאָג (ט׳ כסלו) איז אויך דער ערב והכנה צו יו״ד כסלו, חג הגאולה שלו (שנקבע לחג בשנה הראשונה (תקפ״ח), אַ טאָג נאָך דער הסתלקות[147]) — ווייל די שלימות החיבור פון שלימות עבודת הצדיק ברוחניות מיט שלימות בגשמיות (בימיו ושנותיו) איז אַ הכנה מתאימה וועלכע גיט גלייך דעם כח אויפטאָן דעם ענין „הגאולה״ בענין „יפוצו מעינותיך חוצה״ (כידוע אַז די גאולה פון מיטעלן רבי׳ן, ע״ד ווי גאולת אדה״ז, איז בעיקר אַ גאולה אין דעם ענין פון הפצת המעינות החסידות חוצה אויף וועלכע ס׳איז פריער געווען אַ קטרוג), אַז אפילו בערך צו אופן גילוי החסידות פון דעם מיטעלן רבי׳ן (באופן פון „רחובות הנהר״) ביז דער מאסר וגאולה, קומט צו אין דעם גופא אַ „גאולה״ — אַ גאולה און פריצת גדר שלמעלה ממדידה והגבלה, וועלכע גיט צו נייע כחות, ביז שלא בערך, צו מחבר זיין עליון ותחתון (ע״ד דער אויפטו פון ביטול הגזירה בין עליונים ותחתונים באַ מתן תורה[148] (פון נגלה דתורה בגלוי)).

ביז נאָכמער — אַז די גאולה פון יו״ד כסלו ווערט אַ התחלה והקדמה צו דער גאולה פון י״ט כסלו, „ראש השנה לחסידות״[149].

יז. ולהוסיף, אַז אין דעם קומט צו

146) משא״כ הבעש״ט שנולד בח״י אלול ונסתלק ביום א׳ דחגה״ש [ובנוגע להרב המגיד לא ידוע יום הולדתו, ויום ההילולא שלו הוא בי״ט כסלו], ואדה״ז שנולד בח״י אלול ונסתלק בכ״ד טבת. וכן ברבותינו נשיאינו ממלאי מקומו של אדהאמ״צ: אדמו״ר הצ״צ — ערב ר״ה־י״ג ניסן, אדמו״ר מהר״ש — ב׳ אייר־י״ג תשרי, אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע — כ׳ חשון־ב׳ ניסן, וכ״ק מו״ח אדמו״ר — י״ב תמוז־יו״ד שבט.

ויש לומר, שכיון שרבותינו נשיאינו הם המשך ושלשלת אחת, ועד שהם בבחי׳ „מאור״ (שבזה לא שייך שלשלת — ראה שיחת ש״פ ויצא, ט׳ כסלו תשי״א), היינו שהם מציאות אחת (ובפרט שכל נשיא נקרא „ממלא מקומו״ של הנשיא שלפניו, היינו שהוא ממלא כל המקום והמעלה שלו, נוסף על ההוספה משלו מצד „מעלין בקודש״, וגם ההוספה של עבודת כל נשיא המיוחדת לו ולדורו) — הרי השלימות באחד מהנשיאים נמשכת בכולם, אלא שבגלוי ה״ז בנשיא ההוא וממנו נמשך לכולם. ע״ד הידוע בנוגע לענין ד„מצוה דהוי זהיר בי׳ טפי״, שמצוה זו היא ה„שער״ שע״י עולים שאר המצוות.

147) אלא שבגלל ההסתלקות לא חגגו הגאולה בשנה הראשונה ב„שטורעם״, כידוע. אבל בשנים שלאחרי זה, חגיגת הגאולה (ביו״ד כסלו) היא בכל השטורעם, ובפרט שהיא באה למחרת ט׳ כסלו, יום ההולדת ויום ההילולא שלו.

148) תנחומא וארא טו. שמו״ר פי״ב, ג. ועוד.

149) כידוע הפתגם, שיו״ד כסלו הוא יום ההולדת של חסיד*, וי״ט כסלו הוא יום הברית (לקו״ד ח״ג תפח, ב. וראה לקו״ש ח״ג ע׳ 799 ואילך). וראה שיחת י״ט כסלו תש״ד (ע׳ 49), שיו״ד כסלו הוא ע״ד יום א׳ דחג הסוכות וי״ט כסלו הוא ע״ד שמחת תורה.

*) ולהעיר מהשייכות לט׳ כסלו (ערב יו״ד כסלו), יום ההולדת של אדהאמ״צ.

נקודה. דערנאָך האָט דער מיטעלער רבי – דרגת הבינה – אַרויסגעבראַכט די נקודה (נקודת החכמה) בביאור רחב אין הבנה והשגה, ביז מיט די התפשטות והתרחבות, "רחובות הנהר", פון בינה[141]. בדוגמא ווי די מי הנהר (בינה) וואָס ווערן נמשך פון מעין (חכמה), אָבער אין נהר ווערן זיי נתרחב ונתפשט. ווי מ'זעט עס אין זיינע דרושי חסידות, אַז די עניני חסידות פון דעם אַלטן רבי'ן קומען ביי אים אַרויס בגילוי רב, בהתפשטות ובהתרחבות[142].

בכדי אויפטאָן בשלימות דעם יחוד השכל מיט דעם מושכל, ובנדו"ד – דער יחוד שכל האדם מיט "דיעה את ה'" דורך לימוד תורת החסידות – פאָדערט זיך אַז נוסף צו דער השגה אין נקודת החכמה זאָל מען אויך האָבן די הבנה פון בינה באופן של התרחבות.

ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו דער יחוד פון רוחניות וגשמיות (אלקות און וועלט) וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך חסידות, אַז די שלימות דערפון ווערט אויפגעטאָן דורך דעם וואָס נוסף צו חכמה האָט מען אויך בינה [ווי עס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין חיים בשרים פון דעם לעבן פון דעם מיטעלן רבי'ן – כידוע[143] דברי הצ"צ וועגן אים: "אַז מען וואָלט שניידן ביי דעם שווער אַ פינגער, וואָלט ניט געגאַנגען קיין בלוט נאָר חסידות", ד.ה. אַז זיין חיים גשמיים – זיינע בלוט, "הדם הוא הנפש"[144] עצמו – איז געווען חסידות (רוחניות)][145].

ויש לומר, אַז דער טעם אויף דעם איז ווייל די "רחובות הנהר" פון בינה (זיינען ניט נאָר אַ התפשטות ולמטה פון נקודת החכמה, נאָר ווייל זיי) נעמען זיך פון שרש הבינה (שלמעלה מחכמה), ב־מרחב העצמי, דעריבער האָט עס בכח צו מחבר זיין רוחניות וגשמיות זייענדיק למעלה משניהם. [ואדרבה: דער גילוי פון דעם מרחב העצמי, קומט דוקא דורך דער עבודה למטה "מן המיצר קראתי י־ה ענני במרחב י־ה", כנ"ל].

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער רמז אין זיין שם התואר – "דער מיטעלער רבי": מיטעלער באַדייט אַז ער קומט בינתיים פון אַ ראשון ושלישי, און איז זיי ביידע מחבר. דער מיטעלער רבי – זייענדיק בדרגת הבינה – איז מחבר דער נשיא שלפניו ונשיא שלאחריו, דער אַלטער רבי (חכמה) און דעם צמח־צדק (דעת), אַזוי אַז אין אים איז כלול די ג' ראשי ואבות החסידות (כנגד חב"ד). וואָרום אין אים גיט זיך אַרויס כללות הפעולה פון גילוי חסידות חב"ד צו מחבר זיין אלקות מיט עולם.

141) ראה זח"ג קמב, א. ועוד.

142) גם אצל הצמח־צדק מצינו הרחבה גדולה בתורת החסידות, אבל עיקר חידושו הוא (בספירת הדעת –) החיבור דנגלה וחסידות, ההשואה ותיווך של עניני חסידות בדרושי אדה"ז וכו' עם תורת הנגלה כו'. ואילו החידוש של אדמו"ר האמצעי הוא, התרחבות גדולה וביאור רחב בהנקודות המובאות בדרושי אדה"ז, כנראה בפועל.

143) ס' השיחות תש"ד ע' 79. הביאור בזה ע"ד הקבלה – לקוטי לוי"צ שם ע' שלט.

144) פ' ראה יב, כג.

145) וכן מודגש בפעולתו על החסידים, כידוע פתגמו, כי רצונו שכאשר שני אברכים נפגשים יחדיו בשוק, ידברו חסידות (ס' השיחות תש"א ע' 52), בענין אריך ועתיק (בית רבי ח"ב פ"א הערה ה' (השני')). ובס' השיחות תש"ג (ע' 13): "זאָלן יונגע לייט פאַרשטעהן אין כתר ווי די 5 פינגער, וועט ער זיין צופרידן". היינו, נוסף על זה שילמדו חסידות (בשכל), ידברו בזה גם בשוק, ויבינו בזה כמו בהה' אצבעות הגשמיות שביד – כי בכח הבינה לחבר בשלימות חסידות (אלקות) ועולם, רוחניות וגשמיות.





זיין דעם ציווי און זיך גלייך אומקערן אין ארץ ישראל, הויבט זיך ערשט אָן דער סיפור פון יעקב מיט עשו, אַז "וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו ארצה שעיר שדה אדום"[39], מיט די אַלע פרטים בפ' וישלח (און ערשט נאָך פ' וישלח, קערט זיך אום די תורה דער־ציילן אַז "וישב יעקב בארץ מגורי אביו"[40])!

וואָס לכאורה, האָט דאָך דער עיקר סיפור וועגן עבודת יעקב אבינו – אַלס איינער פון "האבות הן הן המרכבה"[41], ואדרבה – "בחור שבאבות"[42] – גע־דאַרפט זיין וועגן עבודתו בקדושה אין ארץ ישראל (און נאָר בקיצור – אויב בכלל – וועגן זיינע ענינים און "גע־שעפטן" מיט לבן הארמי און עשו הרשע), אַזוי ווי דאָס איז בנוגע צו דעם סיפור בתורה וועגן עבודת אברהם ויצחק (אַז עיקר הסיפור איז וועגן זייער עבודה אין ארץ ישראל)?!

ה. איז דער ביאור אין דעם:

ע"פ הידוע אַז "מעשה אבות סימן לבנים"[43], איז מובן, אַז דער סיפור בתורה וועגן "מעשה" יעקב אבינו מיט לבן און עשו (בפ' ויצא און וישלח), איז אַ "סימן" און אַ הוראה לבנים, צו אידן בעבודתם הם.

מיט דעם סיפור בתורה וועגן יעקב אבינו ("ויצא יעקב" און "וישלח יעקב") – וואָס דאָס איז דער ערשטער מאָל אין תורה וואו עס רעדט זיך אין תורה מיט אַן אריכות הפרטים וועגן דער עבודה (פון די אבות) אין וועלט – לערנט תורה – תורה מלשון הוראה[44] הוראה לדורות – אַז די תכלית העבודה פון אַ אידן איז צו אויפטאָן אין וועלט, און לערנט אים אויך דער סדר העבודה בזה בפרטיות:

"ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" באַדייט, בכללות, די ירידת הנשמה בגוף[45]. די נשמה פון יעדער איד – "נשמה שנתת בי טהורה היא"[46] – גייט אַרויס פון "באר שבע", ספירת הבינה (מקור (באר) פון די שבע מדות דאצי־לות), און איז יורד אין מלכות[47], "חרנה", ביז די ירידה (פון מלכות) אין עולמות בי"ע[48], "אתה בראתה אתה יצרתה אתה נפחתה בי"[46], ביז אין עולם הזה הגשמי והחומרי, "חרון אף של מקום", וועלכער איז "מלא קליפות וסט"א"[49], וועלכע זיינען מעלים ומסתיר אויף אלקות, און אויף דער קדושה ורוחניות פון דער נשמה, ביז נאָכמער – זיי קענען ר"ל מזיק זיין אַ אידן (ווי יעקב האָט מורא געהאַט[50]).

די כוונה אין דער ירידה גדולה איז אָבער, אַז אדרבה: אַ איד (יעקב) זאָל זיך מתגבר זיין איבער די העלמות

39) ר"פ וישלח (לב, ד).

40) ר"פ וישב (לז, א).

41) ב"ר פמ"ז, ו. פפ"ב, ו.

42) שם רפע"ו. וראה גם זח"א קיט, ב. שער הפסוקים תולדות כז, כה.

43) ראה תנחומא לך לך ט. ב"ר פ"מ, ו. רמב"ן לך לך יב, ו. וראה לקו"ש חט"ו ע' 76. וש"נ.

44) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ועוד.

45) אוה"ח פרשתנו כח, יד. הובא ונת' בקיצורים והערות לתניא ע' נז. ד"ה ויצא תר"ל (ע' כט ואילך).

46) נוסח ברכות השחר.

47) כפירוש הא' בפסוק ויצא יעקב גו' – ראה בארוכה ד"ה ושבתי בשלום תשל"ח (סה"מ מלוקט ח"ב ע' קנח ואילך). וש"נ.

48) כפי' הב' בפסוק זה – שם.

49) תניא פל"ו.

50) ב"ר פרשתנו פס"ח, יא. הובא בפרש"י שם כח, יא.

והסתרים פון חומריות וגשמיות העולם („חרנה"), ואדרבה — (דוקא) דאָרטן אויפבויען אַ בית בישראל, ביז באופן פון „מטתו שלימה"[51],

וואָס דאָס איז — דורך דעם וואָס זייענדיק אַ נשמה בגוף איז ער מגלה — דורך קיום התורה ומצוות — זיין אור הנשמה, און דורך דעם — מאַכט ער איבער די חומריות אויף גשמיות, און מאַכט פון די גשמיות — אַז דאָס זאָל זיין בטל וטפל ביז אַ כלי אויף רוחניות (הנשמה שלו), ביז אַז זיין גוף הגשמי ווערט נתאחד מיט זיין נשמה.

ווי ס'איז מרומז גלייך בתחלת יציאת וירידת יעקב — „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה": דוקא דורך „חרנה" — ירידת הנשמה למטה — ווערט געטאָן און אויפגעטאָן „וילך" אין דער נשמה עצמה, כמ"ש[52] „ונתתי לך מהלכים בין העומדים". און נאָכמער — עס שטייט „וילך חרנה" און ניט „לחרן" — ווייל די עבודה למטה טוט אויף דעם ענין ההליכה („וילך") אויך אין דער מציאות פון „חרנה" („חרון אף של מקום") עצמה. און דעריבער שטייט ניט „וילך לחרן", וואָס דאָס וואָלט געמיינט נאָר אַז יעקב איז געגאַנגען צו חרן (אָבער די הליכה און חרן בלייבן צוויי באַזונדערע זאַכן), נאָר — „וילך חרנה", וואָס איז מרמז אַז די הליכה (רוחנית) באַציט זיך אויך צו דער מציאות און אין דער מציאות פון חרן עצמה.

ויש להוסיף, אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם תוספת ה"א פון „חרנה" (און ניט „לחרן") — כמאמר חז"ל[53] „נברא העולם הזה בה"י". דאָס הייסט, אַז דורך דער יציאה מבאר שבע לחרן, איז מען מגלה אין חרן — דעם ה"א (פון שם הוי') שבה נברא עוה"ז, דהיינו דער כח און חיות אלקי וואָס באַלעבט די בריאה, ובלשון הידוע — דער „כח הפועל בנפעל", אַז מען דערזעהט און דערקענט אין דעם „נפעל" (גשמיות העולם) דער „כח הפועל" (חיות האלקי), און ביז אַז דער „נפעל" איז נאָר אַן אויסדרוק פון דעם „כח הפועל" (וועלכער דריקט זיך אויס אין דעם ציור הנפעל)[54].

ו. „ויפגע במקום וילן שם כי בא ה־שמש, ויקח מאבני המקום וישם מראשו־תיו וישכב במקום ההוא"[55]:

בשעת די נשמה פון אַ אידן איז יורד למטה להתלבש בגוף גשמי בעולם הזה הגשמי, „עולם" מלשון „העלם"[56] — איז גלייך דאָ דער „כי בא השמש", אַ העלם אויף דעם גילוי פון „שמש ומגן הוי' אלקים"[57], וואָס אַלס תוצאה דערפון ווערט „וישכב במקום ההוא" — וואָס

51) תנחומא (באבער) פרשתנו ד. ויק"ר פל"ו, ה. פרש"י ויחי מז, לא. וראה פסחים נו, א. תו"כ בחוקותי כו, מב. ספרי ואתחנן ו, ד. האזינו לב, ט. ברכה לג, ב. ב"ר פרשתנו שם.

52) זכרי' ג, ז. וראה תו"א וישב ל, סע"א ואילך. לקו"ת שה"ש כ, ב. ובכ"מ.

53) מנחות כט, ב.

54) להעיר מהידוע (ראה ע"ח ש"נ פ"א־ב. מאו"א מערכת א סכ"ד) שד' עולמות אבי"ע הם כנגד דצח"מ. ועפ"ז מובן, שגילוי כח הפועל בנפעל דעולם העשי' (שיש בו כל הד' ענינים דדצח"מ), כולל, נוסף על כח הפועל (דעולם העשי'), גם כח הנוצר וכח הבורא וכח האצילות.

ועפ"ז נמצא, שע"י בירור וזיכוך הגשמיות, מתגלה בו נוסף על כח העצמות (שהוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין — אגה"ק ס"כ), כדלקמן, גם (במילא) כל הגילויים דעולמות אבי"ע.

55) פרשתנו כח, יא.

56) לקו"ת שלח לז, ד. ובכ"מ.

57) תהלים פד, יב.





דוקא אין דעם ענין הגשמים — וואָס קומט דורך דער עבודת המטה, אין (גשמים אויך מלשון) גשמיות העולם — איז אונטערשטראָכן דער שלימות החי־בור פון מעלה ומטה: „ואד יעלה מן הארץ", פון ארץ איז עולה מלמטה למעלה אַן „אד" (יסוד דק), וואָס דאָס באַווייזט אַז דאָס איז פאַרבונדן און בערך צו גדרי התחתון, „והשקה את כל פני האדמה", מלמעלה למטה, די גשמים זיינען יורד מענני שמיא (למעלה), אָבער באופן פון „והשקה את כל פני האדמה", זיי פאַרטרינקען דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע גשמיות (און אויך „פני האדמה" — די פנימיות פון דעם גשמיות'דיקן לאַנד), ווי דער טבע פון משקה (מים) איז, אַז די מציאות וועלכע זי רירט אָן ווערט אינגאַנצן דורכגעזאַפּט און פאַר־טרונקען אין דער משקה.

וואָס אין דעם באַשטייט דער אויפטו פון (אין מים אלא תורה[134] בכלל, ובמיוחד) גילוי תורת החסידות (בחודש כסלו), צו דורכנעמען שכל האדם (הנברא) און מציאות גשמיות העולם מיט אלקות, „מי הדעת הטהור"[135], „דע את אלקי אביך"[136], ביז אין אַן אופן פון „כולה משקה"[137], אַז די גאַנצע וועלט (גשמיות) איז אינגאַנצן דורכגענומען און דורכגעזאַפּט מיט אלקות (רוחניות), „מלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים"[138], ווי ס'וועט זיין בגלוי בגאו־לה האמיתית והשלימה (וועלכע קומט דורך „יפוצו מעינותיך חוצה").

ויש להוסיף, אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָרט „כסלו", אותיות „כס לו"[139] — אַז די דרגות אין אלקות וואָס זיינען „כס" (מלשון מכוסה), פאַרדעקט מצ"ע (קומענדיק פון סתים דקוב"ה) ווערן נתגלה למטה אין „לו" (בגימטריא „אלה", וואָס ווייזט אויף שלימות הגילוי) — אין די מדות האדם, וועלכע טיילן זיך אויף ששה פעמים ששה, שלימות גילוי המדות בפרטיות (ששה פעמים ששה = לו).

טו. אין גילוי תורת החסידות בחודש כסלו עצמו — ווערט דער חיבור פון רוחניות וגשמיות אויפגעטאָן במיוחד דורך דעם אופן הגילוי החסידות פון דעם מיטעלן רבי'ן:

ס'איז ידוע[140] אַז גילוי תורת חסידות חב"ד איז געווען באופן מסודר, און יעדערער פון רבותינו נשיאינו האָט מגלה געווען און אויפגעטאָן נאָך אַ שלב ודרך אין דעם גילוי, בהתאם ווי דער סדר התגלות פון אַ שכל חדש [אע"פ וואָס מיהו זה ואיזהו צו זיך אַריינלאָזן און מחלק זיין אין די מאורות החסידות, האָבן אָבער רבותינו נשיאינו אַליין מגלה געווען די דרגות]: דער אַלטער רבי איז דרגת החכמה פון תורת החסידות — ער האָט מגלה געווען די ענינים אין חסידות אין אַן אופן פון אַ

השלישי מניסן, שענינו — עבודה מלמעלה למטה (ע"ד עבודת הצדיקים). וכסלו הוא חודש השלישי מתשרי, שענינו — עבודה בדרך מלמטה למעלה (ע"ד עבודת התשובה) — לקוטי לוי"צ שם.

134) ב"ק יז, א. וש"נ.

135) רמב"ם סוף הל' מקואות.

136) דה"א כח, ט. תניא קו"א ד"ה להבין מ"ש בפע"ח (קנו, ב).

137) תורת אדה"ז — המשך וככה תרל"ז פמ"ו.

138) ישעי' יא, ט. רמב"ם בסיום וחותם ספרו.

139) לקוטי לוי"צ שם ע' רה. ע' רכב. וראה לעיל [סה"ש תשנ"ב ח"א] ע' 5־123.

140) בהבא להלן, ראה לקו"ש חכ"ה ע' 349. וש"נ.

נפש הבהמית („חרנה״), ביז אויך אין שכל פון אוה״ע („עשו״). ובלשון ה־ידוע[121] — „יפוצו מעינותיך חוצה״, אַז די מעינות החסידות (פון בעש״ט) עצמם זאָלן פאַרשפרייט ווערן (ביז באופן פון „יפוצו״) אין חוצה[122], ביז אין חוצה שאין חוצה ממנו, אַז אויך טבע העולם און אויך „חוצה״ זאָל זיין אַ כלי און ביז פאַראיינציקט ווערן מיט אלקות.

ויש לומר, אַז דערפאַר איז דער עיקר גילוי פון תורת החסידות אין חודש כסלו, כידוע[123] אַז כסלו, דער חודש השלישי פון חדשי החורף, איז כנגד און פאַרבונדן מיט חודש סיון, דער חודש השלישי פון חדשי הקיץ, וואָס שלישי איז פאַרבונדן מיט מתן תורה[124]: חודש סיון (ירחא תליתאי[124]) איז דער זמן פון מתן תורה, גילוי תורת הנגלה, און חודש כסלו (השלישי בחורף) איז דער זמן פון גילוי פנימיות התורה,

— אין דעם חודש זיינען פאַראַן כמה ימים מיוחדים אין דברי ימי החסידות: י״ט כסלו, דער חג הגאולה פון דעם אַלטן רבי׳ן, דער מייסד פון תורת חסידות חב״ד (נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז דער יום ההילולא פון דעם מגיד), איז דער „ראש השנה לחסידות״[125], כידוע[126] אַז דעמולט („נאָך פעטער־בורג״) האָט זיך אָנגעהויבן דער עיקר ענין פון „יפוצו מעינותיך חוצה״. ט׳ כסלו — דער יום הולדת ויום ההילולא פון דעם נשיא השני פון חב״ד, דער מיטעלער רבי. יו״ד כסלו — חג הגאולה שלו. און אויך חנוכה בסוף חודש כסלו האָט אַ שייכות מיט גילוי פנימיות התורה בחוצה, ווייל עיקר נס חנוכה איז דער נס פך השמן, וואָס שמן שבתורה איז רזין דרזין דאורייתא[127], און מ׳דאַרף דאָס אָנצינדן „על פתח ביתו מבחוץ״[128], באופן אַז דער גילוי פון רזין דרזין אין „ביתו״ זאָל באַלייכטן (דורך „פתח ביתו״) אויך „בחוץ״.

דער ביאור אין דעם (השייכות פון כסלו צו גילוי פנימיות התורה):

דער אונטערשייד צווישן חודש כסלו (השלישי בחדשי החורף) און סיון (השלישי בחדשי הקיץ), איז[129]: חדשי החורף זיינען די ימי הגשמים (ווען מ׳זאָגט „משיב הרוח ומוריד הגשם״), וואָס גשמים זיינען פאַרבונדן[130] מיט עבודת האדם למטה, וכמ״ש[131] „כי לא המטיר ה׳ אלקים על הארץ ואדם אין לעבוד את האדמה, ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה״, משא״כ חדשי הקיץ (וואָס קומען נאָך די ימי הגשמים) זיינען פאַרבונדן בעיקר מיט ענין הטל, וואָס קומט מלמעלה, טל[132] לא מיעצר[133].

121) משלי ה, טז. אגה״ק דהבעש״ט — נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ״מ.

122) ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 432. ח״י ע׳ 106 ואילך. חט״ו ע׳ 283. וראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1119 ואילך. ועוד.

123) ראה שיחת י״ט כסלו (ליל ב׳) תרפ״ט. לקוטי לוי״צ אג״ק ע׳ רה. ע׳ ריז. ועוד.

124) שבת פח, א.

125) מכתב כ״ק אדנ״ע (אגרות קודש שלו ח״א ע׳ רנט, וש״נ. „היום יום״ בתחלתו). וראה לקו״ד ח״ד תשנט, ב ואילך.

126) ס׳ השיחות תורת שלום ס״ע 112 ואילך.

127) ראה בארוכה אמרי בינה שער הק״ש פנ״ד ואילך. ועוד.

128) שבת כא, ב.

129) ראה סה״מ עזר״ת ע׳ לח. תרע״ח ס״ע לז ואילך.

130) ראה גם לקו״ת האזינו עג, א ואילך. ובכ״מ.

131) בראשית ב, ה־ו (וראה פרש״י שם).

132) תענית ג, א.

133) וזהו בהתאם לזה שחודש סיון הוא חודש





ענין השכיבה באַדייט[58] אַז דער „ראש״ האדם (המעלה שבו) ווערט בהשתוות צו דעם „רגל״ האדם (המטה שבו) [כדלקמן סעיף ז], דורך דעם העלם והסתר פון „עוה״ז הגשמי והחומרי ממש והוא ה־תחתון שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית׳ וחושך כפול ומכופל״[49] [ובפרט בחושך וליל הגלות[59] ווען „או־תותינו לא ראינו״[60], ובמיוחד בעקבתא דמשיחא, ווען מ׳שטייט אין אַ מצב של שינה ושכיבה, וואו די כחות גלויים שטייען בהעלם, ובמילא איז דער ראש ורגל בשוה].

און נאָך מער[61] — עוה״ז התחתון איז „מלא קליפות וסט״א שהן נגד ה׳ ממש״[49] (מורדים), וואָס דערפאַר דאַרף זיין דער „ויקח מאבני המקום״ — „שירא מפני חיות רעות״[62].

אָבער דוקא דורך דער ירידה ווערט אויפגעטאָן גילוי והתגברות הרוחניות (הנשמה) אויך אין גשמיות הגוף, אַז אויך אין אַ מצב ירוד פון „וילן שם כי בא השמש גו׳ וישכב״, אַז זיין ראש איז בהשוואה עם גופו, איז ער ממשיך קדושת הנשמה אויך אין זיין גוף, און נאָכמער, אַז עס ווערט „וישכב״ ל־מעליותא, אַז דער גוף הגשמי ווערט נתאחד מיט דער נשמה, וואָס דורך דעם ווערט אויפגעטאָן אַ שלימות נעלית יותר באין ערוך אויך אין דער נשמה, כדלקמן.

ז. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים די שאלה (ווי מפרשים פרעגן[63]) אויף דעם וואָס דער פסוק דערציילט אַז „ויפגע במקום גו׳ וישכב במקום ההוא״:

לכאורה, ווי קומט עס אַז דוקא „במקום ההוא״ — דער מקום המקדש — האָט זיך יעקב[64] געלייגט שלאָפן[65]? דאע״פ אַז „שקעה לו חמה פתאום שלא בעונתה כדי שילין שם״[66], זאָגן דאָך חז״ל[67] אויף די ווערטער „וישכב במקום ההוא״ גופא — „כאן שכב אבל כל י״ד שנה שהי׳ טמון בבית עבר לא שכב[68] („שהי׳ עוסק בתורה״[69]) . . כאן שכב אבל כל כ׳ שנה שעמד בביתו של לבן לא שכב״, און דוקא נעכטנדיק במקום ביהמ״ק האָט זיך יעקב געלייגט שלאָפן[70]!

58) ראה גם מכתב כ״ה מנ״א תש״ח*. סה״מ מלוקט ח״ד ע׳ קסג.

59) כידוע ש„ויצא יעקב גו׳״ מרמז על גלות עם ישראל (ראה ב״ר פרשתנו פס״ח, יג. זהר פרשתנו קמט, ב. של״ה רצב, ב). וראה לקו״ש חכ״ה ס״ע 153 ואילך. וש״נ.

60) תהלים עד, ט.

61) ראה לקו״ש שם ע׳ 429 הע׳ 52.

62) פרש״י עה״פ (ד״ה וישם מראשותיו).

*) אגרות־קודש כ״ק אדמו״ר שליט״א ח״ב ע׳ שעא. המו״ל.

63) דברי דוד להט״ז שם.

64) אף שיעקב עצמו לא ידע ע״ד קדושת המקום, כמ״ש לקמן (כח, טז) „ואנכי לא ידעתי״, ובפרש״י „שאם ידעתי לא ישנתי במקום קדוש כזה״. והשאלה שבפנים היא על זה שהקב״ה הזמין שכן תהי׳ הנהגת יעקב בפועל.

65) בדברי דוד שם מתרץ, דעי״ז ששקעה חמה שלא בעונתה הרגיש יעקב שזהו סימן שרצון הקב״ה הוא שישכב שם. אבל להעיר מפרש״י שבהערה הקודמת.

66) פרש״י עה״פ ד״ה כי בא השמש.

67) ב״ר פרשתנו שבהערה 50.

68) „פי׳ שלא הי׳ ישן מושכב אלא מתנמנם שינת עראי . . ראשו בין ברכיו״ (נחלת יעקב לפרש״י כאן. וראה גם משכיל לדוד שם. דברי מהרי״א עה״פ).

69) פרש״י עה״פ ד״ה וישכב במקום ההוא.

70) שינת קבע, שהיא באופן דשכיבה דוקא (ראה דברי מהרי״א שם).

איז דערפון גופא מובן, אַז די שכיבה איז (אויך) אַן ענין למעליותא, ואדרבה — אַן ענין הכי נעלה; און דער ענין קומט בגלוי דוקא אין דעם מקום המקדש[71].

ויש לומר הביאור בזה:

דער אונטערשייד בגשמיות צווישן עמידה וישיבה און שכיבה, איז: באַ עמידה און (אפילו) ישיבה איז ניכר בגלוי דער חילוק צווישן דעם חלק העליון (דער ראש ואמצע) של האדם און חלקו התחתון (דער רגל), אַז דאָס איז „עליון" וועלכער פירט אָן מיט דעם „תחתון"; משא"כ בשעת אַ מענטש שלאָפט, איז זיין חלק העליון און חלק התחתון בהשוואה[72].

וברוחניות הענינים: דער חלק העליון פון דעם מענטש באַדייט דער רוחניות'דיקער תוכן ומהות זיינער; דער חלק התחתון שלו, באַדייט בעיקר זיין גשמיות.

פון דעם איז מובן, אַז אע"פ וואָס בפשטות ובגלוי איז דער ענין השכיבה — וואו „מעלה" (רוחניות) גלייכט זיך אויס מיט „מטה" (גשמיות) — אַ ירידה גדולה ביותר (בבחי' הגילויים), פונדעסטוועגן — איז, בשרש ובפנימיות הענין, פאַראַן אין דעם אַן עילוי גדול ביותר, אַז דוקא אין דעם מצב שטייט דער „מעלה" צוזאַמען מיט דעם „מטה" בהשוואה גמורה, וואָס דאָס קומט מצד גילוי עצמותו ומהותו ית', וואָס זייענדיק איינגאַנצן „העכער" פאַר די אַלע גדרים פון מעלה און מטה, זיינען זיי ביידע לגבי עם בהשוואה גמורה ממש. ועפ"ד הידוע[73] אַז די פשיטות פון אַן איש פשוט (וואָס ביי אים איז ניט מאיר דער שכל שבראש) איז פאַרבונדן מיט פשיטות העצמות.

און דאָס ווערט דערנאָך נמשך אויך בשעת ער שטייט אויף פון מצב השכיבה, אַז אויך דאָרטן וואו עס הערן זיך אָן די גדרים און חילוקים צווישן מעלה און מטה (אַז דאָס איז „מעלה" און דאָס איז „מטה") — ווערט נמשך ונתגלה עצמותו ית'; וואָס דעמאָלט באַשטייט דער חילוק צווישן מעלה און מטה נאָר אין זייער „ציור", אָבער אין „מהות" זיינען זיי איין און איינציקער ענין — גילוי עצמותו ית'.

דאָס הייסט, אַז אין דער עבודה פון אַ אידן ביציאתו מבאר שבע גייענדיק „חרנה" זיינען פאַראַן צוויי ענינים: (א) נוסף אויף דער התגברות פון גילוי הרוחניות אויף העלם הגשמיות, אין אַן אופן אַז גשמיות איז ניט מעלים נאָר זי איז אַ „כלי" צו רוחניות [וואָס דעמאָלט איז די גשמיות ווי זי שטייט בגדרי מציאותה פאָרט אַ העלם והסתר אויף רוחניות], ווערט אויפגעטאָן (ב) די השתוות והתאחדות צווישן גשמיות און רוחניות (אויך בגדרי מציאותם) על ידי גילוי העצמות שלמעלה משניהם.

ח. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין הנהגת יעקב פון „וישכב במקום ההוא" — וואָרום אדרבה: דוקא מצד דעם וואָס דאָס איז מקום המקדש, וואָס דאָרטן איז (דערנאָך געווען) תכלית ושלימות

71) ומה שאמר יעקב „שאם ידעתי לא ישנתי כו'" (כנ"ל הערה 64) — מובן ע"פ המבואר לקמן ס"ח.

72) ואף שע"ד הרגיל משימים כר תחת הראש (וראה תוד"ה כל — תענית ל, ריש ע"ב. ועוד), הרי אין זה מוכרח ע"פ הלכה. ונמצא, שענין השינה ע"פ תורה הוא — בהשוואה בין הראש והרגל.

73) ראה שיחת י"ב תמוז תש"ז — לקו"ד ח"ג תצא, ב. וראה גם סה"מ תש"ז ע' 256 ואילך.





לקבל גילוי אור ה'"[49], „ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר"[110], דער בשר אַליין וועט זען אלקות[111], וואָרום ס'וועט זיין שלימות גילוי כח הפועל בנפעל, ביז אַז אדרבה — „אבן מקיר תזעק גו'"[112], דער נפעל הגשמי (דומם (אבן), צומח[113] וחי, ועאכו"כ גוף האדם[114]), גשמיות אַליין (שעל ידה מתגלה כח העצמות) וועט מגלה זיין מיט אַ געשריי דעם כח הפועל (הרוחני) ורצון העליון[115] בכל העולם, ע"ד „נקבה[116] תסובב גבר"[117], נשמה ניזונית מן הגוף[118].

יד. אָט די תכלית פון תומ"צ בכלל — צו אויפטאָן דעם חיבור פון רוחניות וגשמיות — איז נאָכמער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם גילוי פון תורת החסידות, וואָס ענינו איז — צו אויפטאָן און מגלה זיין דעם חיבור ויחוד פון אלקות און עולם: דורך גילוי פנימיות התורה — סתים דאורייתא[103] — כפי שנתגלתה בתורת החסידות, ווערט דער חיבור פון סתים דקוב"ה מיט סתים דישראל[103], און דאָס גיט דעם כח צו אויך איבערמאַכן דעם מטה פון גשמיות העולם, אַז זי זאָל ווערן אַ כלי צו גילוי אלקות, פון גליא דקוב"ה, און אויך פון סתים דקוב"ה.

ובמיוחד — דורך גילוי תורת חסידות חב"ד [וואָס דאָס איז מגלה עצם פנימיות התורה[119]], וואָס ברענגט אלקות אין אַ התלבשות בהבנה והשגה פון חכמה בינה ודעת, באופן פון „יתפרנסון מיני"[120], פאַרשטאַנדיק אויך בשכל האדם (הנברא הנוצר והנפעל), ביז אויך אין שכל פון

110) ישעי' מ, ה.

111) ראה גם לקו"ש ח"ט ע' 63. ובכ"מ.

112) חבקוק ב, יא. וראה תענית יא, א. חגיגה טז, א.

113) ראה מדרש תהלים עג בסופו. יל"ש ירמי' רמז שטו בסופו. — ואף שבמקומות אלו ושבהערה הקודמת התוכן הוא בענין בלתי רצוי, הרי מובן במכ"ש וק"ו שמרובה מדה טובה (ראה סוטה יא, א. ועוד) — בגילוי כח הפועל בנפעל ורצון ה' לטוב.

114) וראה מדרש תהלים שם שלפני דרשה זו מבאר הענין ד„נקבה תסובב גבר".

115) ועד שמ„אבן" נעשית „בית אלקים" (כנ"ל בפנים), ומ„קיר" נעשה קיר דקדושה (ראה ספר הליקוטים־דא"ח צ"צ ערך קיר, וש"נ), ע"ד „ויסב חזקי' פניו אל הקיר ויתפלל אל ה'" (ישעי' לח, ב. ועד"ז במלכים־ב' כ, ב), הקשור עם גילוי המשיח (ש„ביקש הקב"ה לעשות חזקי' משיח"* (סנהדרין צד, א), ותפלת חזקי' היתה ג' ימים לפני מפלת סנחריב (רש"י ומצו"ד מלכים וישעי' שם)), ו„קיר" הוא בגימטריא ש"י — שע"י קיר הגשמי (יש הגשמי שמתאחד עם יש האמיתי) נמשכות כל ההמשכות הרוחניים בהש"י עולמות, „שי" גם מלשון מתנה, היינו ההמשכות הכי נעלות שבאים מלמעלה בדרך מתנה.

*) ובקשתו ורצונו של הקב"ה (שמחשבתו חשיבא מעשה) בודאי מתקיימת בפועל, ע"י שחזקי' מתחבר ומתאחד עם דוד מלכא משיחא (שהוא הי' מזרעו). — ולהעיר ממה שאמר חזקי' „אני ישן על מטתי" (איכ"ר פתיחתא ל. שם פ"ד, טו. וראה גם זח"א קצח, ב).

116) ירמי' לא, כא.

117) ראה תענית וחגיגה שם ש„אבריו של אדם" מעידים על האדם. וע"פ המבואר בפנים (ובהערה 113) שלע"ל תגלה גשמיות בכלל רצון העליון, יש לתווך זה עם הפירוש ש„אבני ביתו של אדם וקורות ביתו של אדם מעידים בו". — ולהעיר, שהובאו שם עוד ב' דיעות: „מלאכי השרת המלוין לו לאדם", „נשמתו של האדם".

118) המשך וככה תרל"ז פצ"א־ב. וראה גם ס' השיחות תורת שלום ס"ע 127 ואילך. סה"מ קונטרסים ח"ב תיג, ב. ובכ"מ.

119) דברי כ"ק אדנ"ע י"ט כסלו עטר"ת. הובא ונת' בד"ה פדה בשלום תרפ"ה (ע' עט).

120) ל' התקו"ז ת"ו בסופו. וראה הקדמת המק"מ לספרו. כסא מלך לתקו"ז שם. ועוד.

האלקים בידו״, וואָס דורך דעם טוט ער אויף אַלע אותות ומופתים אין ארץ מצרים – מלשון מיצר וגבול[101], אַז „מן המיצר קראתי י״ה״ ווערט דער „ענני במרחב י״ה״[102] – גילוי מרחב העצמי פון עצומ״ה, ווייל דער שלימות הבירור פון דער מטה קומט דוקא דורך גילוי העצמות שלמעלה פון מעלה און מטה, פשיטות העצמות וועלכע איז פאַרבונדן און פאַראייניציקט מיט די פשיטות פון אַ אידן, ובלשון הידוע[103] – „ישראל וקוב״ה כולא חד״ (כמדובר בארוכה בהתוועדות שלפנ״ז[104]).

יב. וויבאַלד אַז עיקר עבודת יעקב בחרן המסופר בפ׳ ויצא איז געווען בנוגע לעצמו – גילוי והתאחדות הנשמה והגוף, „מטתו שלימה״ – און עס דאַרף דאָך זיין די פעולה האמורה בשלימות אויך בנוגע צו וועלט[105] – קומט מען דערנאָך צו פרשת „וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו ארצה שעיר שדה אדום״, וואָס רעדט בעיקר וועגן בירור העולם (עשו) ע״י יעקב:

ס׳איז מבואר אין חסידות[106], אַז יעקב איז בחי׳ תיקון און עשו איז בחי׳ תהו, און יעקב האָט געשיקט מלאכים צו עשו וויבאַלד אַז ער האָט גערעכנט אַז עשו איז שוין נתברר געוואָרען, ובמילא קען זיין דער חיבור והתאחדות פון אורות מרובים (וכלים) דתהו (עשו) מיט (אורות ו)כלים מרובים דתיקון, וואָס דאָס איז דער שלימות הבירור פון גשמיות העולם, אַז ער ווערט אַ „כלי״, און נאָך מער – נתאחד באחדות גמורה מיט רוחניות, דורך גילוי העצמות וועלכער איז למעלה מתהו ותיקון, וועלכער איז זיך מתגלה דערנאָך אויך אין די גדרים פון תהו ותיקון, אַז כל ענינם איז גילוי עצמותו ית׳, וואָס מצד זה זיינען זיי חד ממש.

[נאָר בפועל איז עשו דעמאָלט ניט געווען מוכן; וואָס דאָס איז דוקא בזמן גאולה האמיתית והשלימה, כמ״ש[107] „עד אשר אבוא אל אדוני שעירה״ – „ואימתי ילך בימי המשיח שנאמר[108] ועלו מושי־עים בהר ציון לשפוט את הר עשו״[109], וכדלקמן סעיף יח].

יג. די צוויי פרשיות הנ״ל (ויצא און וישלח) אין עבודת יעקב אבינו – וואָס זיי זיינען די ערשטע ערטער אין תורה וואו עס ווערט ערקלערט דער סדר העבודה למטה – גיבן אַרויס דער תוכן ותכלית פון כללות העבודה בתומ״צ (ובפרט לאחרי מתן תורה): צו מברר ומזכך זיין גשמיות הגוף והעולם, און מאַכן איר אַ „כלי״ צו רוחניות הנשמה, ביז אַז די גשמיות אַליין איז מגלה דעם כח הפועל בנפעל און ווערט איין זאַך און איין המשך פון רוחניות, ביז – אַ דירה לו יתברך בתחתונים, לו לעצמותו.

ווי ס׳וועט זיך אויפטאָן בשלימות ה־גילוי בגאולה האמיתית והשלימה, „שאז יזדכך גשמיות הגוף והעולם ויוכלו

101) ראה תו״א וארא נז, ב ואילך. בשלח סד, א־ב. יתרו עא, ג ואילך. ובכ״מ.

102) תהלים קיח, ה.

103) ראה זח״ג עג, א.

104) שיחת ש״פ תולדות (לעיל [סה״ש תשנ״ב ח״א] ע׳ 116 ואילך).

105) ראה אוה״ת ר״פ וישלח (רלא, א), שבירור לבן (בפ׳ ויצא) הוא ק״נ, ובירור עשו (בפ׳ וישלח) – גקה״ט. וראה סד״ה וישלח תרס״ו. תרע״ג. ד״ה עם לבן גרתי תשמ״ב.

106) תו״א ר״פ וישלח. ובארוכה – תו״ח שם. ובכ״מ.

107) וישלח לג, יד.

108) עובדי׳ א, כא.

109) פרש״י וישלח שם.





המשכת וגילוי אלקות, ביז צו גילוי העצמות (אין דעם בית המקדש, ובפרט אין קדש הקדשים, וואו ס׳איז געווען דער ארון וואָס מקומו אינו מן המדה[74]) – האָט דאָס געבראַכט „וישכב״ ל־מעליותא, די התאחדות גמורה פון מטה ומעלה[75] דורך גילוי העצמות.

און דאָס איז וואָס דער פסוק איז גלייך ממשיך[76] „ויחלום והנה סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו, והנה ה׳ נצב עליו וגו׳״, דער חיבור ואיחוד „ארצה״ און „השמימה״ דורך עצמו״ה, ובדרך ממילא זיינען דאָרטן דאָ אויך אַלע מלאכים.

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער ביאור בפנימיות הענינים וואָס בשעת „וייקץ יעקב משנתו״ איז „ויאמר אכן יש הוי׳ במקום הזה ואנכי לא ידעתי״[77] – אַז דער גילוי פון „הוי׳״ (שם העצם[78]) איז העכער פאַר בחי׳ ה„ידיעה״[79], וואָרום ידיעה איז אַ גדר פון „מעלה״ (ידיעה איז דאָך פאַרבונדן מיט מוחין שבראש, וועלכע זיינען ניכר ומתגלה בשעת עמידה וישיבה), משא״כ מצד עצמות ומהות זיינען מעלה ומטה בשוה ממש (כנ״ל).

און בהמשך לזה – „ויירא ויאמר מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים״[80], אַ בית ודירה לו ית׳, וואָס הדר בדירה איז זיך דאָרטן מתגלה בכל עצמותו[81].

וכל זה האָט דערנאָך [לאחרי הקמת המצבה, כדלקמן ס״י] אַרויסגעבראַכט ביי יעקב׳ן דעם נדר ביז סיומו – „כל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך״[82]: דורך גילוי העצמות ווערט נתגלה אַז „כל אשר תתן לי״ – גשמיות ורוחניות גם יחד – איז בבחי׳ „עשר אעשרנו״, ספירת הכתר[83], און נאָכמער – „לך״ לעצמותך, וויבאַלד אַז די גאַנצע מציאות פון „כל אשר תתן לי״ איז נאָר ווי „לך״, גילוי עצמותו ית׳[84].

74) יומא כא, א. וש״נ.

75) שהרי גם אופן שכיבתו של יעקב היתה בהשואה בין הראש והרגל, מכיון שלא שם אבן תחת ראשו, כדיוק לשון רש״י עה״פ „עשאן כמין מרזב סביב לראשו״* (אף שממשיך „עלי יניח צדיק את ראשו כו׳״) – כמבואר במפרשי רש״י (ראה רא״ם (בפי׳ הב׳), משכיל לדוד, גו״א, דברי מהרי״א ועוד, לפרש״י שם. אבל בחדא״ג מהרש״א חולין צא, ב, בנחלת יעקב, ובבאר בשדה לפרש״י שם פירשו שיעקב שם אבן גם תחת ראשו. וכ״ה בכ״מ).

76) פרשתנו כח, יב־יג.

77) שם, טז.

78) כס״מ הל׳ ע״ז פ״ב ה״ז. פרדס שי״ט. מו״נ ח״א פס״א ואילך. עיקרים מאמר ב׳ פכ״ח.

*) ובפרט **שמשנה** מלשון המדרש (ב״ר פרשתנו שבהערה 50) „נתן **תחת** ראשו״. — ולהעיר שגם בפרש״י לב״ר שם משמע שהפירוש במדרש הוא סביב ראשו (אבל ראה חדא״ג שבפנים ה־הערה). וכן מפורש ביפ״ת לב״ר שם.

79) ראה פנים יפות כאן.

80) פרשתנו שם, יז.

81) ראה המשך תרס״ו ס״ע ג. ובכ״מ – נסמנו בסה״מ מלוקט ח״ב ע׳ רמא הערה 32.

82) פרשתנו שם, כב.

83) ראה תו״א פרשתנו כב, ד. ובכ״מ.

84) עפ״ז י״ל עוד פירוש ב„ויצא יעקב מבאר שבע וילך גו׳״ (נוסף לב׳ האופנים בהפירוש שזה קאי על ירידה מלמעלמ״ט: מבינה למלכות, ממלכות לבי״ע) – הליכה ועלי׳ מלמטה למעלה: מבחי׳ המלכות או בחי׳ הבינה (באר שבע) לבחי׳ הכתר ועד לעצומ״ה (שלמעלה מבאר שבע ומחרנה), שמגיעים לזה דוקא ע״י „וילך חרנה״.

ויש לומר שב׳ פירושים אלו הם בהתאם לב׳ הענינים שבפנים: בתחלה העבודה למטה (חרנה) היא בדרך מלמעלה למטה, גילוי הנשמה בהגוף,

ט. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דאָס וואָס „ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו וישכב במקום ההוא":

אויף „וישם מראשותיו" איז רש"י מפרש: „עשאן כמין מרזב סביב לראשו שירא מפני חיות רעות[85], התחילו מריבות זו את זו זאת אומרת עלי יניח צדיק את ראשו וזאת אומרת עלי יניח, מיד עשאן הקב"ה אבן אחת כו'"[86].

אע"פ אַז לכאורה „מה מועיל המרזב סביב לראשו הלא יוכלו חיות רעות לשלוט בשאר גופו"[87] — זיינען מפרשים מסביר[88], אַז אין אמת'ן איז כוונת רש"י אַז יעקב האָט מקיף געווען זיין גאַנצן גוף מיט אבנים, וואָס דעריבער איז ער מדייק בלשונו[85] „מרזב", וואָס דאָס איז[89] „שם[90] צינור קטן שיוצא מן המזחילה . . לא שייך מרזב אלא כשיש שם מזחילה"[91].

מען דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין: א) לפי הנ"ל, פאַרוואָס איז דער פסוק (וכן בפרש"י) מדגיש „וישם מראשותיו"[92]? ב) בגוף הענין: אין וואָס באַשטייט די הצלה פון חיות דורך מאַכן אַ „מרזב", חיות רעות קענען דאָך אַריבערשפּרינגען אַ מרזב[93], כנראה במוחש?

יו"ד. וי"ל הביאור בזה — על דרך החסידות[94]:

פעולת יעקב פון „ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו" איז געווען אַן עבודה רוחנית — אַז ער האָט ממשיך און מגלה געווען במציאותו הגשמית דעם אור הנשמה בתוקף גדול, וואָס דאָס איז דער ענין האבנים (תוקף). און בשעת עס ווערט נתגלה אין מציאות הגשמיות איר אמת'ע מציאות (די נשמה), האָט דער העלם והסתר פון גשמיות קיין תפיסת מקום ניט, ובמילא קענען חיות רעות ניט מזיק זיין יעקב'ן[95].

און היות אַז „מקום משכן נפש האלקית הוא במוחין שבראש, ומשם מתפשטת לכל האיברים"[96] — דעריבער איז דער עיקר גילוי פון תוקף הנשמה והרוחניות — „אבנים" — דוקא „במוחין שבראש", „מראשותיו".

און דאָס איז וואָס רש"י איז ממשיך — „התחילו מריבות זו את זו זאת אומרת עלי יניח צדיק את ראשו וזאת אומרת עלי יניח":

שעושה נשמתו עיקר וגופו טפל. ואח"כ מגלים המעלה דכח העצמות שבהגוף, שעי"ז נעשית עלי' גם בהנשמה, וזהו ע"ד „ויצא גו'" מלמטלמ"ע.

85) מב"ר שבהערה 50.

86) מחולין צא, ב.

87) ל' הדברי דוד (להט"ז) לפרש"י כאן (הובא באוה"ת פרשתנו קעג, סע"א. ש"ח כאן). וכן הקשה במשכיל לדוד שם. יפ"ת לב"ר שם. דברי מהרי"א עה"ת שם. וראה גם באר בשדה לפרש"י כאן.

88) דברי דוד, משכיל לדוד, ודברי מהרי"א עה"ת שם.

89) ראה משנה ב"ב נח, ב ובפרש"י.

90) ל' המשכיל לדוד שם.

91) ובבאר בשדה שם, ש„גופו אפשר שכסהו במידי אחרינא . . אבל ראשו הוצרך להניח תוך המרזב כדי שיוכל להנשים". וביפ"ת שם, ש„לא חשש פן תקרבנה החיות לשאר גופו כי אז ירגיש בהן ויקום כנגדן כו'". ולכאורה דוחק הוא. ואכ"מ.

92) וראה מ"ש בדברי דוד שם. ואכ"מ.

93) כמו שהקשה בס' מאור ושמש עה"ת כאן.

94) ראה גם הביאור באוה"ת שם (אלא שאינו מבאר בפירוש השייכות לראשו דוקא). וראה (באו"א) לקו"ש ח"א ע' 61 ואילך.

95) ועי"ד משאחז"ל דכשניכר צלם האלקים על האדם אין החיות יכולין להזיקו (ראה זח"א קצא, א. וראה אוה"ת מטות ע' א'רסב ואילך. וש"נ).

96) תניא פ"ט.





די מריבה איז געווען (ווי מפרשים זיינען מסביר[97]) צווישן די אבנים שבמרזב וועלכע זיינען געווען „סביב ראשו" מיט די אבנים שבמזחילה וועלכע זיינען געווען סביב גופו. און דער תוכן המריבה איז געווען אַז „עלי יניח צדיק את ראשו כו'" — דאָס הייסט, אַז דער תוקף (ענין האבנים) גילוי הקדושה בחלק הגוף של יעקב זאָל זיין ווי דער תוקף (אבנים) הגילוי בחלק הראש של יעקב, „מקום משכן נפש האלקית".

„מיד עשאן הקב"ה אבן אחת" — דער גילוי תוקף הקדושה (אבנים) איז געוואָרען דער זעלבער בחלק הראש של יעקב ובחלק הגוף של יעקב, תכלית ושלימות החיבור וההתאחדות פון „מעלה" ו„מטה" בתור „אבן אחת", על ידי גילוי העצמות, וואָס דעמאָלט איז געוואָרן „וישכב במקום ההוא", השתוות הראש והרגל. [ופשיטא אַז דעמאָלט איז ניטאָ קיין נתינת מקום כלל להיזק החיות, ואדרבא[98]].

און וויבאַלד אַז דער גילוי העצמות קומט דוקא דורך דער (ירידה ל)„מטה" [וואָרום גילוי אלקות ב„מעלה" איז דאָך אויך מצד בחי' הגילויים, און דוקא דער „מטה" — היות אַז גדרו איז „העלם" — רופט אַרויס המשכת וגילוי העצמות וועלכער איז ניט מוגדר אין די גדרים פון העלם וגילוי], דעריבער ווערט דער אמת'ער תוקף הקדושה (גילוי העצמות) אויפגעטאָן דורך אבנים, בחי' „דומם". און דאָס ווערט דערנאָך אַ „מצבה" — „והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהי' בית אלקים"[82], אַ בית ודירה לו ית', לעצמותו.

יא. ע"פ כל הנ"ל איז מובן דער כח מיוחד וואָס יעקב האָט געהאַט קומענדיק אין חרן, וואָס דורך דעם האָט ער זיך געקענט מתגבר זיין אויף דער העלם פון חרן, און נאָך מער — מחבר ומאחד זיין מעלה ומטה, נשמה וגוף, ע"י גילוי העצמות.

און היות אַז דער חידוש ווערט אויפגעטאָן דורך דער ירידה בחרן — דערי־בער האָט יעקב אויפגעשטעלט די י"ב שבטי י"ה דוקא אין חרן, ביז אין אַן אופן פון „מטתו שלימה".

ולהוסיף, אַז ע"פ הנ"ל איז מובן דער דיוק לשון חז"ל[51] „מטתו שלימה" (און ניט „תולדותיו" וכיו"ב) — אויך מלשון וענין „מטה" (תחתון), אַז אויך דער „מטה" (תחתון) איז בשלימות, ביז נאָכמער — אַז אויך אין דעם מצב השכיבה (על המטה), וואָס דעמולט איז ראשו וגופו ורגלו בהשוואה, איז ער מגלה ווי דאָס איז „(מטתו) שלימה" — שלימות גילוי העצמות, וואָס איז משוה קטן וגדול. וואָס דאָס ווערט אויפגעטאָן דוקא אין חרן (מטה)[99].

און „מעשה אבות סימן לבנים" — די השתוות צווישן חלקו העליון און חלקו התחתון, אַזוי אַז אויך דער „מטה" — איז (בלשון הכתוב[100] בנוגע משה) „מטה

97) משכיל לדוד שם (וראה במפרשי רש"י הנ"ל עוד ביאורים בזה).

98) ולהעיר מהיעוד דלע"ל „וגר זאב עם כבש גו' לא ירעו ולא ישחיתו גו' כי מלאה הארץ דעה את ה' גו'" (ישעי' יא, ו ואילך).

99) ויש להמתיק זה — עפמשנ"ת לעיל ס"ט שזהו"ע התאחדות האבנים יחד — כדאיתא במדרש (תנחומא עה"פ) „כיון שהשכים בבוקר מצא (יעקב) את האבנים כולם אבן אחת, נתבשר שמטתו שלימה . . כשם שהאבנים האלו נעשו כולן אחת כך בניך כולם צדיקים". וראה גם ב"ר שבהערה 50. פדר"א פל"ה (הובא ברמב"ן פרשתנו כח, יז).

100) שמות ד, כ.